און שטיל איז דאָרט געוואָרן, און דער טורעם איז אַלט און פארעלטערט געשטאנען, און דאָס פינצטערניש, ווי באַנײַט הײַנט אָבער, און ווי קיינמאָל נישט פינצטער געווען ביז אהער... און דער יאם האָט געזיפצט, און דער יאם האָט מיט קויכעס געאָטעמט. און דאָס קעמל איז שטיל געשטאנען, און דאָס קעמל האָט אַף סאָף־נאכט ארויסגעקוקט. האָט זיך דאן אויך אויסגעלאָזט די נאכט. האָט זיך אפן הימל דער שטערן פון פרימאָרגן באוויזן און אַף יאם און אַף מידבער ארויפגעקוקט. און ביידע אינײינעם מיט איין בליק און מיט איינע כסאָדים געבענטשט... האָט זיך פון טורעם דאן א פענצטער געעפנט, א פענצטער און וואָס צום יאם קוקט ארויס, און עפעס א קאָל האָט זיך אפן ברעג און אפן וואסער דערהערט:

— די נאכט איז אריבער און מיט מאזל אונדז די נאכט, און אויך פאר ליכט און אַף די האָרבעס באם קעמל איז די צײַט שוין געקומען...

האָבן זיך דאן די ליכט, וואָס אַף די האָרבעס באם קעמל איינס צום אנדערן צוגעבויגן. האָבן זיי זיך דערנעענט איינע צום צווייטן, און דער מאָרגנשטערן האָט דאָס צוגעזעען, און דער מאָרגנשטערן האָט זיי פון הימל שײַן ארויפגעשײַנט, און ביידע קנויטן האָבן זיך אָנגעצונדן, און ביידע קנויטן האָבן זיך אין איין פײַער פאריײניקט, און — דאָס קעמל איז פון וואסער ארויסגעגאן און פון יאם־ברעג ארויסגעשפאנט, און אזוי, און מיט די ליכט שוין ברענענדיקע, און אזוי, אין פארטאָג דעם שטילן, האָט זיך עס מיט דעם פּאָנעם צו דער מידבער און צום וועג אהין געווענדעט, און מיטן געדאנק אויך א ו י ס ע ר מידבער און מיט ליכט און בסורע אין יישעוו אָנצוקומען...

און אַף אָט דעם קעמל ווארט איך דאָ, אַף אָט דעם קעמל קוק איך ארויס בא גרענעץ, און שוין א צײַט, אז ס'גייט אין דער מידבער, און צײַט שוין קומען דעם.

אזוי דערציילט די בריִע.